

בעזה"ה

# מחשבות

מחשבות און געדאנקען אין עבודת השי"ת

פרשת אמור

גליון קמד שנה ד

בהוצאת

ע"י מכון מחשבת החינוך

המחנך הנפלא

הרב שלמה טייטלבוים שליט"א

# ווי אזוי איז ריכטיגער אן צו קומען?

כלל ישראל איז ארויס געגאנגען פון מצרים ט"ו ניסן אבער די תורה האבן זיי ערשט באקומען שבועות - פופציג טאג שפעטער.

פארוואס האט מען געדארפט אזוי פילווארטן ביז מ'באקומט די תורה? שטייט אין די מפרשים אז די יודען האבן געדארפט ארויס גיין פון די מ"ט שערי טומאה כדי זיי זאלן קענען באקומען די תורה, און אין די ניין און פערציג טעג זענען זיי ארויס פון די שערי טומאה.

ס'שטייט אין מכילתא אז ביי קריאת ים סוף "ראתה שפחה על הים מה שלא ראה יחזקאל בן בוזי ושאר נביאים", דאס הייסט אז אפילו דער פשוט'סטער מענטש אין כלל ישראל איז אנגעקומען ביז צו די העכסטע מדרגות פון נבואה.

אין דער מדרש דערציילט וועלכע הויכע מדרגות די יודען זענען אנגעקומען ביים ים סוף אז זיי האבן געקענט ווייזן מיט די פינגער און זאגן "זה א-לי ואנוהו".

דאס הייסט אז די יודען זענען אין איין מינוט ארויס פון די טיפסטע טומאה וואס זיי זענען דארט געווען אין מצרים, צו די העכסטע מדרגה פון קדושה וואס ס'איז מעגלעך אנצוקומען.

אויב אזוי דארף מען פארשטיין וואס האט אויסגעפעלט די ניין און פערציג טעג זיך צו צוגרייטן צו קבלת התורה? פארוואס האבן זיי נישט געקענט באקומען די תורה אין דעם זעלבן טאג?

די השפעה פון קבלת התורה וואלט דאך געווען אסאך גרעסער ווען זיי באקומען דאס אין די גרויסע נאכט פון קריעת ים סוף, מיט די הויכע מדרגות, און נישט זיבן וואכן שפעטער ווען דער רושם איז שוין שוואכער געווארן?

די מצוה פון ספירת העומר הייבט אן מיט די ווערטער "וספרתם לכם ממחרת השבת, מיום הביאכם את עומר התנופה" - מ'זאל אנהייבן צו ציילן פון צומארגנס דעם שבת פון דעם טאג וואס מ'ברענגט דעם "קרבן העומר", "עד ממחרת השבת השביעית תספרו מחישים יום והקרבתם מנחה חדשה לה'" - ביז ווען ס'ווערט פופציג טאג וועט מען ציילן און דעמאלס וועט מען ברענגען א קרבן פון די נייע מנחה.

דער ערשטער קרבן איז "קרבן העומר" שפעטער ציילט מען ניין און פערציג טעג און דעמאלס ברענגט מען דעם נייעם קרבן - מנחה חדשה, דאס איז די קרבן "שתי הלחם" וואס מ'ברענגט שבועות.

אויף די ווערטער "ממחרת השבת" האט זיך געטוהן א גרויסע מחלוקת אין כלל ישראל, חכמי ישראל האב גע'דרש'נט אז דאס מיינט צומארגנס פון יום טוב, און די צדוקים האבן געטענה'ט אז דאס מיינט מוצאי שבת, די גמרא אין מנחות דערציילט אויף די גרויסע ויכוחים וואס חז"ל האבן געהאט מיט די צדוקים אויף דעם, וואס מיר דארפן אבער פארשטיין איז פארוואס האט די תורה נישט געשריבן בפשטות ממחרת הפסח אין די גאנצע פראבלעם וואלט זיך געענדיגט פארוואס האט די תורה געשריבן ממחרת השבת און געלאזט די פלאץ פאר חז"ל צו פארשטיין אז דאס מיינט מוצאי יום טוב?

נאך א נקודה מוז מען פארשטיין פארוואס האט די תורה נישט געשריבן א ריכטיגע דאטום ווען ס'פאלט אויס שבועות, די תורה שרייבט מ'זאל ציילן די ספירת העומר און ווען מ'וועט ענדיגן דעמאלס וועט מען מאכן דעם יום טוב פון שבועות, וואס איז אנדערש שבועות פון אלע ימים טובים וואס ער האט נישט באקומען א באשטימטע טאג אזוי ווי אלע אנדערע ימים טובים?

*

ר' יעקב איז געווען א גרויסער סוחר, ער איז ארום געפארן אין גאנץ פולין וועגן זיין מסחר, ר' יעקב איז געווען א חסידישער יוד, א חסיד פון הרה"ק רבי ארון






## דבר העורך

די גמרא דערציילט אז נאך ס'איז אריבער דרייצן יאהר וואס רשב"י מיט זיין זוהן זענען געזעצן אין די מערה, זענען זיי געשטאנען ביים טיר פון די מערה און זיי האבן זי געזעהן א מענטש וואס פאנגט פייגעלעך, און אויף יעדע פאל וואס דער מענטש האט געשאסן איז ארויס א בת קול און אויס גערופן אויב די פייגעל וועט ווערן געכאפט אדער נישט, האט רשב"י געזאגט אויב אויף די פייגעלעך איז דא אזא פונקטליכע השגחה פרטית ווער ס'זאל געכאפט ווערן און ווער נישט א וודאי אויף אונז מענטשן, וממילא דארף מען נישט מורא האבן אויב מ'וועט אונז כאפן ביי די מלכות און מ'קען ארויס גיין פון די מערה.

די השגחה פרטית איז נישט נאר אויף די פייגלעך ווער ס'זאל געכאפט ווערן, נאר אויך אויף דעם מענטש וואס כאפט זיי, וויפיל פייגלעך ער זאל כאפן אין יענעם טאג און וויפיל פרנסה ער זאל מאכן, און אויב ס'איז באשערט אז ער וועט כאפן ווייניג פייגלעך וועט אים גארנישט העלפן ארום צו לויפן דעם גאנצן טאג, און אויב ס'איז אים באשערט צו כאפן אסאך וועט עס אנקומען אויך אן זיך אנצושטרענגען.

אבער פונדעסוועגן קען א מענטש נישט זיצן בטל און ער מוז מאכן השתדלות כדי צו ברענגען פרנסה אזוי ווי דער מסילת ישרים שרייבט: "וכבר היה האדם יכול להיות יושב ובטל, והגזרה היתה מתקימת, אם לא שקדם הקנס לכל בני האדם" – א מענטש וואלט בעצם גאר נישט געדארפט מאכן און די פרנסה וואלט אים אנגעקומען, אבער "חייב אדם להשתדל איזה השתדלות לצורך פרנסתו, שכן גזר המלך העליון. והרי זה כמס שפורע כל המין האנושי, אשר אין להמלט ממנו" - א מענטש איז מחוייב צו מאכן השתדלות פאר זיין פרנסה נישט ווייל דאס העלפט נאר ווייל דאס איז א גזירה אזוי ווי א שטייער וואס דער מענטש צאלט.

במה דברים אמורים? דאס אלעס איז געזאגט געווארן נאר ווען די וועלט איז אין א נארמאלע מצב וואס יעדער איינער מוז גיין ארבעטן, אבער אויב ס'איז דא א סכנה און די דאקטורים און די רבנים פסקענען אז מ'מעג נישט ארויס גיין פון שטוב, איז פיקוח נפש דוחה כל התורה וממילא זענען אונז יעצט "פטור" פון דעם חיוב ההשתדלות און די היינטיגע טעג, מ'איז פטור פון צו צאלן די שטייער פון ארבעטן, ממילא קומט אויס אז דער אייבישטער וועט שיקן די פרנסה אזוי ווי די ערשטע פלאן וואס ס'איז געווען אן דער מענטש זאל מוז'ן ארויס גיין פון שטוב, און דאס וואס מ'האט אפ געשריבן ראש השנה וועט אנקומען בשלמות אפילו אן אונז וועלן מאכן אונזער חלק ההשתדלות, אויב אזוי דארף מען דאך גארנישט זיין פארזארגט פון פרנסה.

יה"ר דער אייבישטער זאל טאקע שיקן פאר יעדער איינער זיינע צרכים בשפע און ס'זאל מקויים ווערן ביי יעדער דער פסוק "ממושבותיכם תביאו לחם" און פון זיצן אין שטוב וועט אנקומען פרנסה בשפע פאר יעדער איינער מיט אלע אנדערע ישועות אין איינעם.

**א גוטן שבת**

לייב פון פערמישלאן, אבער מיט דעם פלעגט ער אויך אלץ ארום פארן און אריין גיין צו פארשידענע רבי'ס וואס זענען געווען אינמיטן וועג.

איין מאל איז ער געווען אין די געגנט פון ליזענסק, האט ער באשלאסן אז ער מוז אויסניצן די געלעגנהייט און אריין גיין צום הייליגן רבי ר' מיילך, זעהן די עבודת ה' וואס ס'גייט דארט פאר, ער האט דאס אזוי אויסגעשטעלט אז ער זאל אנקומען לכבוד שבת קיין ליזענסק.

פרייטיג אינדערפרי איז ער אנגעקומען קיין ליזענסק, געטראפן א אכסניה, זיך צוגעגרייט אויף שב"ק, און געגאנגען נעמען שלום ביים רבי ר' מיילעך.

דער רבי ר' מיילעך האט אים געגעבן שלום און אים געזאגט: דו ביסט דאך א חסיד פון רבי ארון לייב פון פערמישלאן, זאג מיר פארוואס איז דיין רבי אזא גרויסער בעל גאוה? ער האט עס אפאר מאל איבער גע'חזר'ט אזא גרויסער בעל גאוה, אזא גרויסער בעל גאוה.

ר' יעקב האט זיך זייער פארשעמט פאר זיין רבי, און די גאנצע שמחה וואס ער האט געהאט אין אנהייב אז ער איז געקומען צום רבי ר' מיילעך אויף שבת איז פון אים אוועק, ער האט חרטה געהאט אויף די גאנצע זאך, דער רבי ר' מיילעך רעדט אזוי אויף זיין רבי, אבער ס'איז שוין געווען צו נאנט צו שבת און ער האט געמוזט דארט בלייבן אויף שבת.

אינמיטן שבת האט אים דער רבי ר' מיילעך דאס נאך אפאר מאל דערמאנט.

נאך שבת איז ער זיך געגאנגען געזעגענען פון דער רבי, האט אים דער רבי נאך אמאל געזאגט: ווען דו וועסט אהיים קומען זאלסטו זאגן פאר דיין רבי אין מיין נאמען אז ער זאל נישט זיין אזא גרויסער בעל גאוה.

ר' יעקב האט איז געווען אינגאנצן צומישט, די גאנצע וועג אהיים איז ער געווען זייער צובראכן, ער האט נישט געוואוסט וואס צו טוהן, דער רבי ר' מיילעך איז דאך זייער א הייליגער מענטש און רעדט נישט סתם זאכן, פון די אנדערע זייט איז זיין רבי אויך זייער א הייליגער מענטש און א גרויסער עובד ה', איז ווי אזוי קען מען אויף אים אזוי רעדן, און די ערגסטע זאך איז ווען ער וועט אהיים קומען, און ער וועט קומען צום רבי'ן ר' ארון לייב, דער רבי וועט אים דאך זיכער פרעגן ווי איז ער געווען און וועלכע גרויסע יידען האט ער געזעהן, ער וועט מוזן דערציילן די גאנצע מעשה,

ווי אזוי טוהט מען דאס?! ווי קריכט מען ארויס פון דעם פראבלעם?

ווען ער איז אנגעקומען קיין פערמישלאן איז ער צו געגאנגען צוטערדיג צו זיין רבי ר' ארון לייב שלום נעמען, דער רבי האט אים אויסגעפרעגט ביי וועלכע צדיקים איז ער געווען אונטערוועגנס, און ער האט נישט געהאט א ברירה און דערציילט אז ער איז געווען ביי דער רבי ר' מיילעך אין ליזענסק.

אזוי? א גרויסע זכיה האסטו געהאט, נו, זאג עפעס איבער פון וואס דו האסט דארט געהערט?

אום וועלענדיג האט ער געמוזט דערציילן פאר דער רבי, אז דער רבי ר' מיילעך האט אים געבעטן איבער געבן פאר דער רבי ער זאל נישט זיין אזא גרויסער בעל גאוה.

אזוי?! אזוי האט דער רבי ר' מיילעך געזאגט? - האט זיך דער רבי דערשראקן.

איך מוז מאכן א חשבון הנפש, וואס האב איך געזונדיגט אז דער רבי ר' מיילעך שפירט ביז דארט אז איך בין א בעל גאוה - האט דער רבי אויסגערופן נאך אפאר מינוט אריין טראכטן.

רבי ארון לייב איז געווען זייער צובראכן פון דעם, און נאך אפאר טעג פון חשבון הנפש, ווען ער האט נישט געקענט טרעפן א סיבה פארוואס דער רבי ר' מיילעך האט אזוי געזאגט אויף אים, האט ער באשלאסן צו פארן אליין קיין ליזענסק און אליין פרעגן דער רבי וואס ער האט געזונדיגט און וואס ער מוז פארעכטן.

מ'האט געדינגען א וואגן און דער רבי ר' ארון לייב איז געפארן קיין ליזענסק, פרייטיג אינדערפרי איז מען אנגעקומען קיין ליזענסק, רבי ארון לייב האט געלאזט צוגרייטן די גאנצע שבת ביי זיך אין אכסניה, ער איז געווען זיכער אז אויב דער רבי ר' מיילעך האט געזעהן אין אים אזוי שלעכטס וועט ער אים זיכער נישט לאזן עסן ביי זיך מיט אלע געסט, ממילא דארף מען אלעס צוגרייטן אין די אכסניה.

נאכ'ן מקוה, רבי ארון לייב טוהט זיך אן בגדי שבת און גייט נעמען שלום ביי דער רבי, ער האט זיך געשטעלט צווישן אלע אנדערע געסט מ'זאל אים נישט באמערקן, ער הייבט אויף אביסל דעם שאל און בייגט אראפ דעם שטריימל אויף זיין שטערן און אזוי האט ער שלום גענומען ביים רבי'ן, און גלייך אנטלאפען צו זיין אכסניה, אבער אזוי ווי ער איז ארויס האט אים דער רבי ר' מיילעך געשיקט רופן, אבער מ'האט אים שוין נישט געטראפן.

פרייטיג צו נאכט האט דער רבי ר' מיילעך געשיקט שליחים אין אלע אכסניות אויף צו זוכען דער רבי ר' ארון לייב, אלע שליחים זענען צוריק געקומען מיט ליידיגע הענט, מ'האט אים נישט געקענט טרעפן.

דער רבי ר' מיילעך האט נישט נאך געגעבן, "אזא הייליגער יוד איז דא אין שטאט און ער וועט נישט עסן ביי מיר? איך מאך נישט קידוש ביז מ'ברענגט אים דא אהער - האט דער רבי ר' מיילעך געזאגט.

די שליחים זענען נאך אמאל אריבער אין די גאנצע שטעטל אויך ביי פריוואטע מענטשן, ביז מ'האט אים געטראפן ביי עפעס א ארעמאן אין עק שטאט, דארט איז ער איינגעשטאנען.

דער רבי רופט - האבן די שליחים געזאגט - ער וויל נישט מאכן קידוש ביז ווען איהר קומט.

רבי ארון לייב האט נישט געהאט א ברירה און געמוזט מיט גיין מיט די שליחים.

דער רבי ר' מיילעך האט זיך זייער געפרייט צו אים און אים אוועק געזעצט אויבן אן לעבן אים, און זייער שטארק מכבד געווען, אינמיטן די סעודה זאגט אים דער רבי ר' מיילעך "ווי פאסט עס רבי ארון לייב זאל זיין אזא בעל גאוה?"

אן אזוי האט זיך דאס געפירט ביי יעדע סעודה, דער רבי ר' מיילעך האט אים זייער מכבד, אבער אויך איבער געחזרט די ווערטער "ווי פאסט עס רבי ארון לייב זאל זיין אזא בעל גאוה?"

מוצאי שבת איז דער רבי ר' ארון לייב אריין צום רבי ר' מיילך.

וואס איז די גאוה וואס דער רבי זעהט אזוי שטארק אויף מיר? - האט ער געפרעגט צובראכענערהייט.

איז דען דא א גרעסערער בעל גאוה פון דיר?! - האט אים דער רבי ר' מיילעך געענטפערט - אליהו הנביא האט שוין אפאר מאל געקלאגט אויף דיר, אז ער וויל לערנען מיט דיר ער וויל דיר אויסלערנען סודות התורה, און די ביסט נישט מסכים צו לערנען מיט אים, וויפיל צדיקים און גדולים ווארטן און דאווענען אליהו הנביא זאל זיך מתגלה זיין צו זיי און לערנען מיט זיי, און זיי זענען נישט זוכה, און דו? אליהו הנביא בעהט זיך צו דיר און דו ביסט נישט מסכים. איז דאס נישט א גאוה?

אויב וועגן דעם - האט דער רבי ר' ארון לייב געענטפערט - שטיי איך ווייטער אויף מיינס און איך וויל נישט לערנען מיט אים.

פארוואס? האט אים דער רבי ר' מיילעך געפרעגט.

ווייל איך וויל נישט באקומען מדרגות פאר א מתנה, איך וויל ארבעטן פאר דעם, איך וויל מיך אנשטרענגען פאר דעם, וואס האב איך פון מדרגות וואס קומען אן א עבודה, מדרגות וואס קומען פון זיך אליין בלייבן נישט ביי דיר, און ס'איז נישט דיינס.

*

ווען א מענטש באקומט א מתנה, פארשטייט ער נישט די וויכטיגקייט פון די מתנה, ער פארשטייט נישט ווי טייער ס'איז די מתנה וואס ער האט באקומען, ווייל ער האט נישט געארבעט אויף דעם, און ער האט זיך נישט אנגעשטרענגט פאר דעם, האט דאס נישט ביי אים די ריכטיגע ווערט און ער פאסט נישט אויף אויף דעם ווי ס'דארף צו זיין, און ס'איז מעגליך אז וועט דאס זייער שנעל פארלירען.

אזוי אויך ווען א מענטש באקומט גרויסע השגות אין מדרגות אין רוחניות, און ער שטייט נישט ריכטיג אויף די מדרגה ער האט נישט קונה געווען די מדרגה דורך זיין ארבעט, וועט ער דאס זייער שנעל פארלירען, קונה זיין רוחניות קען מען נאר מיט אליין ארבעטן. א גשמיות'דיגע מתנה קען מען נאך באקומען, אבער א רוחניות'דיגע מתנה, מוז מען אליין צוגרייטן די כלים צו זיין ראוי צו דעם, מ'מוז אליין ארבעטן און אויס זיך ארבעטן כדי צו זיין ראוי צו דעם. כדי ס'זאל זיך קענען האלטן ביי אים און נישט ארויס פאלן.

המשך בעמוד ד'

# שאלות ותשובות

**שאלה: מ'רעדט אלס פון די ספירה טעג אז דאס איז טעג פון א הכנה צו קבלת התורה, וועלכע הכנה קען אונז מאכן צו קבלת התורה? וואס קען מען טוהן הלכה למעשה כדי צו זיין גרייט צו קבלת התורה?**

## תשובה:

ספירת העומר איז די צייט פון ווען כלל ישראל איז ארויס פון מצרים ביז זיי זענען אנגעקומען אנגעקומען צו קבלת התורה, כלל ישראל איז אריבער א וועג פון זיך אויס צו רייניגען פון די מ"ט שערי טומאה פון מצרים, און אין די זעלבע צייט אויך זיך דערנענטערן צו די שערי קדושה ביז זיי האבן געקענט באקומען די תורה און הערן מיט די גשמיות'דיגע אויערן די "אנכי ה' אלוקיך".

ווי אזוי קומט מען צו דעם? און ווי אזוי גייט מען אריבער אזא שווערע וועג? און וואס קענען אונז מאכן כדי זיך צו דערנענטערן הלכה למעשה?

לאמיר אריין קלערן אין די מצוה פון ספירת העומר:

דער נאמען "ספירת העומר" רופט זיך אויף דעם נאמען פון "קרבן העומר" וואס מיר האבן מקריב געווען די צווייטע טאג פון פסח, דער קרבן האט מען געמאכט פון איין עומר פון די נייע גערשטן וואס איז געוואקסן די יאהר, און צוויי לעמלעך.

לאמיר זיך פארשטעלן ווען א מענטש גייט קויפן פינעף קילו מצות, ער קומט מיט דעם אהיים און ער דערציילט אז ער האט עס געקויפט, ווי אזוי איז ריכטיגער צו זאגן: "איך האב געברענגט פינעף קילא" אדער "איך האב געברענגט מצות"? איז דא וויכטיגער מדגיש צו זיין די וואג אדער די זאך וואס ער האט געברענגט? פארשטייט זיך אז די צווייטע איז ריכטיגער ווייל די מצות איז די וויכטיגערע טייל דא און נישט די פינעף קילא, דער צאל זאגט נאר וויפיל ס'איז אבער דאס איז נישט חשוב פאר זיך אליין.

אויב אזוי, פארוואס הייסט דער קרבן "קרבן העומר" און די גאנצע ציילן הייסט "ספירת העומר" דער עומר זאגט מיר נאר וויפיל גערשטן מ'האט געברענגט צום קרבן, אבער דאס האט דאך נישט א וויכטיגקייט פאר זיך אליין, ס'איז אזוי ווי דער מענטש וועט זאגן "איך האב געברענגט פינעף קילא" אן צו זאגן וואס?

די גמרא דערציילט אז רבי עקיבא איז געווען ביז די פערציג יאהר א פאסטעך פון שאף און א גרויסער עם הארץ און ער האט אפילו נישט געקענט ליינען די אותיות פון א' ב', ביי די פערציג יאהר האט ער חתונה געהאט מיט די טאכטער פון כלבא שבוע, נאך ווען ער האט צוגעזאגט צו זיין ווייב רחל אז ער וועט גיין לערנען תורה, ווי אזוי האט ער פארשטאנען אז ער וועט דאס קענען מאכן? אפשר איז דאס גאר נישט פאר אים?

דערציילט די גמרא אז רבי עקיבא איז אריבער געגאנגען נעבן א גרויסע שטיין, און געזעהן ווי אזוי ס'טראפט אויף דעם וואסער א טראפ נאך א טראפ ביז ס'איז געווארן א לאך אין דעם שטיין, האט ער געזאגט צו זיך אויב די וואסער קען מאכן א לאך אין די שטיין קען זיכער די תורה אויס לעכערן מיין פארשטאפטע קאפ, און איך וועל זיכער מצליח זיין אין לערנען, ער האט זיך גענומען לערנען און בזכות דעם האבן אונז פארדינט א הייליגע תנא רבי עקיבא.

לאמיר טראכטן, ווי פיל וואסער האט געטראפט אויף דעם שטיין? יעדע מינוט א טראפ? זעכציג טראפן א שעה, איין ליטער יעדען טאג?! אפשר אפילו צוויי ליטער?! ווי פיל ליטער אין א יאהר? ווייניגער פון טויזנט ליטער, אויב מיר וועלן יעצט נעמען א גרויסע שטיין און אנגיסן אויף דעם טויזנט ליטער וואסער אין איינמאל, און אפילו צעהן טויזנט ליטער, וואס וועט געשעהן? ווי גרויס וועט זיין דער לאך וואס וועט ווערן? דער תירוץ איז ס'וועט נישט ווערן א לאך.

פארוואס? איך האב דאך געגאסן אזוי פיל וואסער? דער תירוץ איז, אז מ'דארף נישט אסאך וואסער אין איין מאל, מ'דארף א ביסל וואסער אבער א סאך צייט אן א הפסקה, נישט די מאס פון די וואסער מאכט דאס, נאר די התמדה! די טראפן אן א הפסקה, א טאג נאך א טאג, א מינוט נאך א מינוט, כדי דער שטיין זאל ווערן געלעכערט דארף נישט זיין גרויסע מענגע פון וואסער, מ'דארף נישט אסאך, אבער ס'דארף דא זיין א כח פון התמדה, א כח פון רציפות אן זיך צו אפ שטעלן.

די מצוה פון "ספירת העומר איז געבויעט, אויף דעם זעלבן סיסטעם, מ'דארף נישט אסאך פאר דעם קרבן ס'איז גענוג איין עומר, אין דעם נאמען פון דעם קרבן איז טאקע יא אריין געלייגט זיין וויכטיגסטע פוינט, ווייניג! איין עומר! מ'ווארט נישט פון דעם מענטש ער זאל אין איין טאג ווערן א צדיק, און אנהייבן צו כאפן מלאכים, מ'דארף גיין מיט קליינע טריט איין טראפ און נאך איין טראפ מיט קליינע טריט.

אבער, דאס מוז גיין מיט רציפות, מיט התמדה, נישט אפ שטעלן אינמיטן, די אלע ניין און פערציג טעג פון די ספירה מוזן זיין געבינדען איינער נאך דעם אנדערער, אן צו פארגעסן אינמיטן, אן זיך אפצושטעלן, א טאג נאך א טאג, נאך א טריט און נאך א טריט, דאס איז דער סוד ההצלחה ווי אזוי מ'גייט ארויס פון שערי טומאה צו שערי הקדושה.

וכאן הבן שואל, וואס טוהט מען למעשה אין די טעג?

די עבודה אין די ספירה טעג איז מיר צו דערנענטערן צום אייבישטער און צו ווערן מעהר ראוי צו באקומען די תורה. מיט יעדען טאג מוז איך מיר מיט איין טריט אריין ברענגען נאך א שטיקל געטליכקייט אין מיין לעבן. נאך א שטיקל פון מיין נפש אלוקית ממליך זיין אויף מיין נפש הבהמית.

ווען איך זיץ אין לערן אדער ווען איך דאווען ערליך, דאס איז זייער גוט און זייער וויכטיג, אבער דא האב איך נאך נישט ממליך געווען דעם אייבישטער אויף מיין נפש הבהמית, ווייל יעצט לערן איך מיט א געשמאק מיט א פלאם און אלעס איז זייער גוט, אבער ווען איך גיי ארויס טרינקען, עסן, שמועס'ן, דארט איז דער פעלד פון די גשמיות, דארט קען איך ממליך זיין דעם אייבישטער אויף מיין גשמיות.

ווען איך מאך יעדען טאג איין פעולה, איין זאך אנדערש פון וואס איך בין געוואוינט, איין קאווע וויניגער איין שמועס וויניגער, איין לשון הרע וויניגער, מיט א כוונה, איך האלט מיך יעצט אפ פון די פעולה אלץ א הכנה צו קבלת התורה, יעדען טאג זיך אנהאלטן פון איין זאך וואס שמעקט מיר צו מאכן, אפילו א זאך וואס לויט אלע שיטות מעג מען מאכן, פונדעסוועגן האלט איך מיר איין, כדי מיך צו דערנענטערן צו השי"ת און צו זיין מער ראוי צו קבלת התורה, מיט אזא פעולה האב איך ממליך געווען דער אייבישטער אויף מיין גשמיות אויף מיין נפש הבהמית.

דאס איז די ריכטיגע מעשה וואס מיר קענען טוהן בפועל אין די ספירה טעג אונז צו צו גרייטן צו קבלת התורה. אבער וויכטיג איז צוויי נקודות:

א. "עומר" מ'הייבט נישט אן מיט אסאך זאכן אויף איין מאל, נאר א קליינע עומר און נישט מער.

ב. "תמימות" יעדען טאג אן זיך אפצושטעלן אן זיך צו מייאש זיין אינמיטן.

דער קרבן העומר ווערט געברענגט פון שעורים, שעורים איז א מאכל בהמה, און נאך דעם הייבט מען אן צו ציילן ספירה, ווען מ'ענדיגט צו ציילן די ניין און פערציג טעג איז שבועות, און מ'ברענגט דעם קרבן שתי הלחם פון חיטים וואס דאס איז א מאכל אדם, אונז צו ווייזן אז דער גאנצער מהלך וואס מיר טוהן דא איז ארויס גיין פון א בחינת בהמה צו א בחינת אדם, צו נעמען א שטיקל פון אונזער חלק א בהמה פון אונזערע רצונות און תאוות גשמיות, צו בחינת אדם מאכן פון דעם א מענטש און זיך צו דערנענטערן צום אייבישטער.

לויט דעם קען מען אויך פארשטיין נאך א זאך, ס'איז דא א הלכה אין אלע מצוות פון "שומע כעונה", מ'קען יוצא זיין קידוש, מגילה, שופר, קריאת התורה, און אזוי נאך אסאך מצוות פון דין "שומע כעונה" אויב איך הער און איך האב אינזינען בין איך יוצא, אבער ביי ספירת העומר ווערט גע'פסק'נט להלכה איז נישטא א דין פון שומע כעונה, (וספרתם לכם) מ'מוז אליין ציילן ספירה, פארוואס? ווייל דאס איז א הכנה איך מוז מיך אויסמענטשלען צו קבלת התורה, קיינער קען זיך נישט אויסמענטשלען אנשטאט מיר, דאס מוז מען אליין מאכן.

## המשך מעמוד ב'

די מדרגות וואס די יודען האבן באקומען ביי קריעת ים סוף איז געווען א מתנה וואס די יודען האבן באקומן כדי צו וויסן צו ווי מ'קען אנקומען כדי צו פארזיכן דעם טעם פון "טעמו וראו כי טוב ה'", מ'זאל שפירן צו וואס מ'קען אנקומען, אבער גלייך שפעטער זענען זיי ארויס געפאלן פון די מדרגות, ווייל זיי זענען נישט געווען ראוי צו דעם, און זיי האבן באקומען די ניין און פערציג טעג זיך צו צוגרייטן צו קבלת התורה ווייל אויף מדרגות מוז מען ארבעטן, ס'קומט נישט פון זיך אליין.

קדושת שבת איז א קדושה וואס קומט פון דער אייבישטער ס'האט נישט צו טוהן מיט וואס אונז טוהן און נישט מיט אונזערע הכנות, און אויך אויב אונז ווילן נישט אדער אונז מאכן זיך נישט גרייט ווערט דער שבת אנקומען, קדושת שבת איז פון דער אייבישטער און נישט פון אונז, אבער קדושת יום טוב איז "מקדש ישראל והזמנים" כלל ישראל האט באקומען די כח מקדש צו זיין די זמנים און לויט וואס בית דין ווערט באשטימען וועלכע טאג איז ראש חודש לויט דעם ווערט אראפ קומען די קדושה פון יום טוב אויף די וועלט.

דאס איז געווען דער ויכוח צווישן די צדוקים צו חכמי ישראל, די צדוקים זענען געקומען און געטענה'ט אז די מדרגות פון ספירה און דאס וואס מיר דארפן זיך מחזק זיין און זיך הייליגן האט נישט צו טוהן מיט אונז, אונז מוז'ן נישט אריין לייגן אין דעם כוחות, אויב דער אייבישטער וויל ווערט ער אונז הייליגן און געבן מדרגות און אויב נישט זענען אונז נישט שולדיג, זיי האבן געטענה'ט אז דאס איז א בחינה פון "ממחרת השבת" אזוי ווי שבת וואס קומט אלעס פון אויבן אן אונזערע ארבעט.

אבער חכמי ישראל האבן אונז איס געלערנט אז "ממחרת השבת" מיינט צומארגנס יום טוב, אזוי ווי יום טוב האט א קדושה נאר אויב די בית דין דא אונטען ווערט באשטימען אז ס'איז ראש חודש, אזוי אויך די קדושה פון א יידיש קינד די מדרגות וואס ער קען אנקומען ווענט זיך אין די כוחות וואס ער לייגט אריין פון זיך כדי זיך צו דערהייבן און לויט דעם ברענגט דער אייבישטער אין אים אריין די קדושה.

לויט דעם קען מען אויך פארשטיין פארוואס ס'שטייט נישט אין די תורה אין וועלכע טאג איז שבועות, ווייל די השפעה פון קבלת התורה וואס קומט אראפ אויף די וועלט האט נישט צו טוהן מיט די דאטום פון דעם טאג, ס'האט צו טוהן מיט די ציילן פון דער מענטש מיט די כוחות וואס דער מענטש לייגט אריין אין זיך צו צוגרייטן צו קבלת התורה און לויט דעם קען ער באקומען די השפעות און זיך דערהייבן און מצליח זיין אין די תורה הקדושה.

*

באותו עניין.

די גמרא דערציילט אז רבי שמעון בר יוחאי איז אנטלאפן און זיך באהאלטן אין די מערה דרייצן יאהר, פון ווי האט ער געהאט עסן? זאגט די גמרא ס'איז געשעהן א נס און ס'איז אים געוואקסן דארט א בוים פון באקסער, און ס'איז ארויס א קוואל מיט וואסער.

פאר דעם איז נישט געווען דארט קיין שום בוים און קיין שום קוואל וואסער, ס'איז יעצט באשאפן געווארן פאר אים, ער זאל האבן וואס צו עסן.

פארוואס דווקא א בוים פון באקסער? דאס איז דאך די ערגסטע פרי וואס ס'איז דא? אן קיין טעם און אן קיין ריח? פאסט נישט מער פאר רבי שמעון זאל וואקסן אפאר שיינע ביימער פון געשמאקע פירות? קומט אים דען נישט עפעס בעסערס פון באקסער?

מילא ווען ס'וואלט שוין געווען דארט פון פריהער, קען מען פארשטיין, דאס וואס ס'איז דא מ'בלייבט מיט דעם, אבער ס'איז דאך געווארן דא א נס און דער בוים איז יעצט געקומען, איז פארוואס קען נישט זיין א געשמאקערע נס?

דער תירוץ איז אז אויב מ'וויל אנקומען צו די מדרגות פון רבי שמעון בר יוחאי מוז מען זיך אויסארבעטן און שווער ארבעטן ביז אפילו צו מוותר זיין אויף א נארמאלע טעם פון פירות, און עסן נאר די וויניגסטע וואס מ'מוז צום לעבן.

די גמרא דערציילט שפעטער אז נאך וואס רבי שמעון איז ארויס פון די מערה האט אים זיין איידעם רבי פנחס בן יאיר גענומען צום באד און ער האט געזען ווי זיין גאנצע קערפער איז צושפאלטן איינגאנצען פון די זיבן אזוי פיל יאהר אין די זאמד האט רבי פנחס בן יאיר אנגעהויבן צו וויינען "אוי לי שראיתיך בכך" ווי איז צו מיר אז איך זעה דיר אזוי,

רשב"י ענטפערט אים: "אשריך שראיתני בכך, שאלמלא לא ראיתני בכך לא מצאת בי כך" רבי שמעון ענטפערט אים ווען איך וואלט נישט אריבער געגאנגען די אלע שוועריקייטן וואלט איך מיך נישט אזוי אויסגעארבעט, און די וואלסט נישט געטראפן אין מיר אזעלעכע גרויסע מדרגות פון תורה.

ווייל אויף צו קונה זיין מדרגות, אויף צו קונה זיין תורה מוז מען ארבעטן און אריין לייגן כוחות, ס'קומט נישט פון זיך אליין.

הגליון יוצא לאור ע"י
מכון מחשבת החינוך
הדרכה • יעוץ • הכוונה
לונדון יצ"ו

07341.479.294
khachinuch@gmail.com
36 Castewood RD. N16 6DW